בעזהשי"ת

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת אַחֲרֵי - קְדוֹשִׁים

תשע"ח

היכל הקודש

## הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
## אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**אז מ'גייט נאך שמוץ, האט מען א ביטערן סוף רחמנא ליצלן**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פ' שמיני-ב, כ"ו ניסן, י"א לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האף אז דו האסט טאקע אפגעהאקט אלע דיינע קשרים וכו'.

איך האב גרויס רחמנות אויף דיר אז דו ביסט אזוי ווייט פארקראכן אין די טומאה; אינדרויסן זעסטו אויס ווי ווייס איך וועם און שטילערהייט ביסטו גאר עפעס אנדערש.

וויפיל מעשיות איך האב שוין געהערט פון אינגעלייט וואס זינקען אין די שערי טומאה... אבער אזאנס וואס דו האסט מיר געשריבן וכו' - דאס האב איך נאך נישט געהערט. יעדן טאג שרייבסטו נאך אביסל און נאך אביסל, עס זעט אויס ווי דו האסט מורא צו דערציילן אלעס אויף איינמאל. גיי ווייס וואס נאך די טוסט אפ, השם ישמרינו.

טייערער ברודער, אנטלויף פון די אלע וכו'; קוק וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, סימן י): "לֹא תִּכָּנֵס עִם פִּתּוּיֶיךָ בְּטוֹעֵן וְנִטְעָן, כִּי אֲרִיכַת הַרְגָּשַׁת הַחוֹשֵׁב אֲפִלּוּ לִבְחִינַת הַשּׁוֹלֵל תִּפְעַל הַגְבָּרַת הַחֵפֶץ וְתִתְהַפֵּךְ הָרָצוֹן אֵלָיו", מיט שמוץ טאר מען נישט האבן קיין מגע ומשא.

אז דו וועסט תשובה טון וועט דיר גוט זיין - סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענע וועלט, אבער אויב דו וועסט נישט תשובה טון וועסטו פארלירן דיין לעבן. דאס איז אפגערעדט אז אויב דיין משפחה וועט זיך דערוואוסן וואסערע באנדיט דו ביסט, וועט קיינער מיט דיר נישט שטיין אין ווארט; דיין ווייב איז אפגערעדט, זי וועט דיר איבערלאזן און מאכן א ברוך שפטרנו בשם ומלכות אויף דיר, דיינע קינדער וועסטו נישט קענען זען, דו וועסט ווייס און אלט ווערן ביז דו וועסט זיי קענען זען, און אפילו די אלע וועם דו לויפסט נאך השם ישמרינו, זיי וועלן דיר איינשפארן אין תפיסה.

מיין נישט אז איך טרייב איבער; אזוי ווי איך שרייב דיר - געננוי אזוי וועט זיין, אזוי ווי די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאגן (סוטה ט.): "שֶׁכָּל הַנּוֹתֵן עֵינָיו בַּמֶּה שֶׁאֵינוֹ שֶׁלּוֹ, מַה שֶּׁמְּבַקֵּשׁ אֵין נוֹתְנִין לוֹ, וּמַה שֶּׁבְּיָדוֹ נוֹטְלִין הֵימֶנּוּ", ווער עס טוט אן עבירה פארלירט אלעס - סיי וואס ער האט, און וועמען מען וויל וכו' פארלירט מען אויך.

ווי לאנג מיינסטו וועסטו קענען שפילן א טאפלטער לעבן?! ווי לאנג מיינסטו וועסטו קענען באהאלטן פון דיין ווייב מיט וועם דו רעדסט און מיט וועם דו שרייבסט זיך?! ווי לאנג נאך וועסטו קענען לעבן א לעבן פון צוויי מענטשן?! דא מאכסטו זיך

ווי א שיינער איד און פון די אנדערע זייט גייסטו מיט עקעלדיגע גוי'טעס רחמנא לצלן?! נישט געגוג די גייסט צו די שווארצע יאר וכו', נעמסטו אומשילדיגע אידישע וכו'?! געוואלד און געשריגן (משלי ה, כ): "לָמָּה תִשְׁגֶּה בְנִי בְזָרָה, וּתְחַבֵּק חֵק נָכְרִיָּה?!" דו האסט דאך א ווייב און קינדער!

קוק וואס שלמה המלך זאגט (משלי ז, כב): "הוֹלֵךְ אַחֲרֶיהָ - פִּתְאֹם כְּשׁוֹר אֶל טֶבַח יָבֹא", ווער עס גייט נאך עבירות רחמנא לצלן איז אזוי ווי א קוה וואס גייט צו די שחיטה; פלוצים קומט אן דער ביטערער שטראף.

איך ווארט צו הערן פון דיר אז דו האסט באמת תשובה געטון.

...

~~~~~~~~~~

**מען רוקט זיך ב"ה פאראויס מיט'ן נייעם בנין אין אומאן**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פ' שמיני-ב, כ"ו ניסן, י"א לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב געבארגט היינט נאך הונדערט טויזענט דאללער צו קענען ענדיגן דעם בנין אין אומאן.

איך פריי מיר זייער פאר די בשורה אז מיר וועלן קענען זיין אינעם נייעם בנין אין אומאן נאך דאס יאר - שנת תשע"ט הבא עלינו לטובה.

איך גיי אים נישט שיקן די גאנצע געלט אויף איין מאל, נאר איך וועל אים דאס שיקן צוביסליך; זאג אים ער זאל דיר שיקן בילדער ווי ער בויעט ווייטער. איך גיי נישט שיקן סתם געלט על קרן הצבי, איך וועל שיקן צוביסליך-ווייז, לויט וויפיל ער בויעט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען ארויסגעבן פון דעם בנין א ליכטיקייט פאר די גאנצע וועלט; מענטשן זאלן וויסן וואס דער רבי וויל פון אונז, מענטשן זאלן נעמען דעם רבינ'ס זאך לעובדא ולמעשה.

איך דאנק דיר פארן מיר העלפן אין יעדן פרט ופרט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**שטארק זיך ווייטער זיך אפצוגעבן מיט די בריוו**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פ׳ שמיני - ב, כ״ו ניסן, י״א לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך וויל דיר מחזק זיין דו זאלסט ווייטער עוסק זיין אין דיין הייליגע ארבעט וואס דו האסט זיך אונטערגענומען, ארויס צו געבן אלע בריוו וואס דער אייבערשטער האט מיר מזכה געווען צו ענטפערן פאר אידישע קינדער.

באמת האב איך גארנישט מחדש געווען אין די בריוו; אלעס וואס איך שרייב איז וואס איך האב זוכה געווען צו לערנען פון מוהרא״ש זכרונו לברכה וואס ער האט מיט אונז געלערנט די שכל און חכמה פונעם הייליגן רבי״ן.

בחורים און אינגעלייט, פרויען און מיידלעך שרייבן מיר אז זיי זענען זיך זייער מחי׳ און מחזק מיט די בריוו פון ״עצתו אמונה״. לעצטנס נעמען די מפיצים די קונטרסים פון ״עצתו אמונה״ און זיי גייען מיט דעם אין כוללים און אין ישיבות ווי די אינגעלייט און בחורים זאגן אלע בפה מלא אז דאס איז זיי מחי׳ און מחזק זיי זאלן זיך שטארקן אין עבודת השם.

איך וויל דיר מחזק זיין דו זאלסט ווייטער מגיה זיין די בריוו; הלוואי זאל איך שוין זוכה זיין צו זען דעם ערשטן חלק פון עצתו אמונה שיין געדרוקט מיט שיינע אותיות וכו׳. ווארום איז דעם וואס וועט צו העלפן דרוקן די בריוו וואס זענען מחזק אידישע קינדער.

איין זאך בעט איך דיר, דו זאלסט דאס זייער גוט מגיה זיין אז עס זאל נישט זיין קיין איין גרייז, עס זאל זיין זיין מנופה בי״ג נפה; איינמאל דאס וועט זיין שיין געדרוקט אין א פארעם פון א ספר וועט דאס מאכן א גרויסע מהפיכה צווישן בחורים און אינגעלייט, אלע וועלן זען וואס דער רבי וויל פון אונז און אלע וועלן זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**אכטונג געבן אין וועלכע סארט קאנטרי מ׳פארט אויף זומער**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פ׳ שמיני-ב, כ״ו ניסן, י״א לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואס איז בכלל די שאלה?! אודאי זאלסטו נעמען א באנגעלאו ביי אונז אין קעמפ פארן גאנצן זומער, דאס איז נישט קיין מותרות. ווי קען מען בלייבן זומער אין שטאט? די גוים גייען אנגעטון ווי די חיות, בעסער געזאגט אויסגעטון ווי די חיות און עס איז זייער שווער צו האבן שמירת עיניים, מען ווערט יעדן טאג פארברענט השם ישמרינו.

עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך (רמ"א ביורה דעה סימן קנז, סעיף א) אז א מענטש איז מחויב אוועק צו געבן זיין גאנצע געלט נישט עובר צו זיין אן עבירה; בפרט אז מיר האבן א פינת יקרת, א ווינקעלע פון אמונה, א ווינקעלע פון יראת שמים און התחזקות וכו' וכו', זאלסטו זיכער קומען.

איך פארשטיי נישט בכלל דיין ספק; אודאי זאלסטו ארויס נעמען א באנגעלאו, די באנגעלאו איז טאקע נישט אזוי אהערגעשטעלט וכו', אבער שלמה המלך זאגט (משלי כא, יט): "טוֹב שֶׁבֶת בְּאֶרֶץ מִדְבָּר, מֵאֵשֶׁת מִדְיָנִים וָכָעַס", ענדערש זיצן אין מדבר וכו' ווי צו זיצן אין א פלאץ וואס ברענגט ווייטאג און כעס.

ווי איידער צו פארן אין סתם א קאנטרי וואו עס איז נישט דא קיין רב אדער ערליכער איד - איז שוין ענדערש צו בלייבן אין שטאט; אויף דעם איז געזאגט געווארן וואס רב משרשיא האט געזאגט פאר זיינע קינדער (הוריות יב.): "תִּיבוּ אַקִּילְקְלֵי דְּמָתָא מְחַסְיָא, וְלֹא תִּיבוּ אַפַּדְנֵי דְּפוּמְפְּדִיתָא", ענדערש זאלט איר זיצן אין די מיסט פון די שטאט מתא מחסיא ווי צו וואוינען אין די פאלאצן פון פומבדיתא. ווייל אין די שטאט מתא מחסיא האבן געוואוינט ערליכע אידן, אבער אין פומבדיתא האבן געוואוינט נישט ערליכע אידן, האט ער געזאגט פאר זיינע קינדער זיי זאלן ענדערש זיצן אין די מיסט פון מתא מחסיא וכו'.

דא איז ממש די זעלבע זאך; ענדערש בלייבן אין שטאט וואו עס איז ממש איין שטיק מיסט פלאץ השם ישמרינו, ווי צו גיין אין א קאנטרי וואו עס איז נישט דא קיין יראת שמים.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ג, ב): "שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תוֹרָה, הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים", אז צוויי מענטשן קומען זיך צוזאמען און מען רעדט נישט פונעם אייבערשטן, מען רעדט נישט ווי אן ערליכע איד דארף רעדן, איז דאס שוין א מושב לצים; אזוי אויך, אויב מען פארט אין א קאנטרי אן דעם אייבערשטן איז דאס א מושב לצים.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן שכל זאלסט וויסן דאס חשיבות פון זיין מיט ערליכע אידן, בפרט תלמידי היכל הקודש וואס זיי זענען די באהאלטענע צדיקים פון אונזער דור.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**מחזק מיט'ן איבערטייטשן די שיעורים אויף לשון הקודש**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פ' שמיני-ב, כ"ז ניסן, י"ב לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב זייער הנאה געהאט צו זען אז דו האסט היינט ווייטער מתרגם געווען א שיעור פון שלום בית.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס דיין זכות איז; ווען א מענטש איז זוכה צו מחזק זיין א צווייטן איד, פרייליך מאכן א צווייטן איד - איז דער מענטש א בן עולם הבא.

חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (תענית כב.): אליהו הנביא האט אמאל באגעגנט רבי ברוקא אויפן גאס און ער האט אים געוויזן אויף צוויי מענטשן אז זיי זענען בני עולם הבא, ווייל זיי גייען ארום פרייליך מאכן אידישע קינדער, זיי שמייכלען צו יעדן איינעם. און ווען זיי זעהן ווי צוויי מענטשן קריגן זיך מאכן זיי דארט פרייליך ביז זיי בעטן זיך איבער; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון מחי' זיין א צווייטן, כל שכן ווען א מענטש האט די מעגליכקייט צו מחי' זיין צענדליגער טויזענטער מענטשן אויף איין מאל. דו זיצט זיך ביי דיר אין טראק און דו ביסט מתרגם א שיעור וואס ווערט געזען דורך צענדליגער טויזענטער מענטשן בלי גוזמא - איז דאך זיכער דיין זכות זייער גרויס.

דעריבער נעמט זיך דער ס"מ אויף אלע וואס זענען מחזק אידישע קינדער און וויל זיי צעברעכן, ווייל אזוי וועלן די מענטשן מער נישט אנגיין אין זייער הייליגע ארבעט; אבער עס וועט אים גארנישט נוצן, ווייל דער רבי האט געזאגט (עיין חיי מוהר"ן, סימן רכ"ח): "נצחתי ואנצח - איך האב אויסגעפירט און איך וועל אויספירן!"

שטארק זיך ליבער ברודער! דו וועסט נאך ארויס גיין פון דיין דחקות און פון דיינע חובות; זיי ווייטער ממשיך צו מתרגם זיין די שיעורים אויף לשון הקודש, מיט דעם וועסטו זיך איינקויפן דער וועלט און יענע וועלט.
~~~~~~~~~~

פאר פסח איז ארויף געקומען צו מיר א איד פון מעקסיקא, א טייערער איד, א מלמד; ער זאגט מיר אז ער האט באקומען פאר א יאר צוריק א חיזוק יומי מתורגם וואס האט אים געטוישט זיין לעבן. יעצט איז ער דאס מתרגם אויף ספאניש און ער שיקט דאס ארום פאר הונדערטער אידן וואס קענען נישט קיין אידיש און נישט קיין לשון הקודש; דאס איז אין דיין זכות.

געב א גריס פאר דיין טייערער זון ...

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**מחזק מיט'ן איבערטייטשן די בריוו אויף לשון הקודש**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פ' שמיני-ב, כ"ז ניסן, י"ב לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי'**

איך האב היינט געזען די בריוו וואס איר האט מתרגם געווען אויף לשון הקודש, איר האט מיר ממש מחי' געווען.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון דעם וואס איז מחזק א צווייטן איד; דער בעל שם טוב הקדוש זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "א נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט - נאר א טובה טון פאר א צווייטן איד איין מאל אין זיבעציג יאר איז שוין אלעס כדאי"; בפרט אז מען איז מחי' הונדערטער אידן, נישט נאר איין מאל אין זיבעציג יאר, נאר טאג נאך טאג שיקט מען זיי בריוו מיט חיזוק ווערטער זיי זאלן וועלן אנגיין ווייטער מיט עבודת השם יתברך.

דעריבער בעט איך אייך זייער: שטארקט אייך און זייט ווייטער ממשיך מתרגם צו זיין סיי די מכתבים און סיי די דרשות.

נאך אביסל עפענען מיר אויף דעם וועבסייט "ברסלב סענטער" אויף לשון הקודש; דארט וועט זיין אלע בריוו אויף לשון הקודש און איר וועט קענען מחי' זיין טויזענטער אידן מיט איין פעולה.

מיין באבע עליה השלום פלעגט דערציילן אז ווען זיי זענען געקומען קיין אמעריקע נאכן קריג האבן זיי געזען א נייע זאך, מען קען קאכן עסן מיטן געבן איין דריק אויפן קנעפל... אינדערהיים איז דאס נישט געווען; אינדערהיים ווען מען האט
~~~~~~~~~~~

געוואלט קאכן עסן איז דאס געווען א גאנצע מעשה, אבער היינט איז עס זייער גרינג. זיי פלעגן זינגען א גראם: "מען געבט א דרוק דעם קנעפל, קאכט זיך אין טעפל".

דאס זעלבע זאג איך אייך מרת ... תחי'; אמאל האט מען זיך געדארפט ארום שלעפן אין שטעטלעך און קרעטשמעס וכו' וכו' ארויס צו שלעפן מענטשן פון זייער בלאטעס וואו זיי זענען נעבעך געווען פארזינקען, אבער היינט קען מען זיצן אין שטוב און "מיט איין דרוק אויפן קנעפל מאכסטו קלאר יענעמס קעפל".

איך דארף אריין לויפן צו די בחורים; איך וועל אייך נאך שרייבן.

...

~~~~~~~~~~~

**יישר כח פאר'ן ארויסהעלפן מיט די קעמפ**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פ' שמיני-ב, כ"ז ניסן, י"ב לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב זייער הנאה אז דו האסט אראפגעהאנדלט די פרייז פארן קעמפ און נאך מער האב איך הנאה אז דו האסט נאך דעם געפיל פאר די ישיבה; דו שפירסט נאך אז די ישיבה איז דיין פריוואטע זאך און דו העלפסט מיר ארויס אז מיר זאלן קענען ארויס פארן אין קעמפ מיט די תלמוד תורה און ישיבה. דאס איז מיר נאך מער חשוב, ווייל איך וויל זייער שטארק דו זאלסט מיר העלפן ווייטער מיט די מצוה פונעם קעמפ.

קוקנדיג צוריק האסטו א גרויסער חלק אין די מוסד; במשך די אלע לעצטערע יארן האסטו מיט מסירות נפש אהער געשטעלט א קעמפ וואו מיר זאלן קענען ארויס גיין מיט די ישיבה און תלמוד תורה. דעריבער פריי איך מיך זייער אז דו האסט היינט געהאנדלט אויפן פרייז וכו', אזוי וועלן מיר קענען גיין דאס יאר אין קעמפ זיך מחזק זיין מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**א שליסל חלה - אריינצוברענגען אז פרנסה קומט נאר פונעם אייבערשטן; קינדער וואס זעהן די טאטע לערנען וועלן דאס נאכמאכן; זען צו העלפן אז די ווייב זאל קענען קומען צו די יערליכע פארטי.**

בעזרת ה׳ יתברך ערב שבת פ׳ שמיני-ב, כ״ח ניסן, י״ג לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

די וואך שבת פירט מען זיך צו מאכן א שליסל אויף די חלה, כדי צו געדענקען וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ב.) אז די מפתח פון פרנסה איז אין די הענט פונעם אייבערשטן; מען זאל זיך נישט צעברעכן אדער גרויס האלטן מיט די פרנסה וואס מען האט, כאילו דער מענטש איז שולדיג אז ער האט נישט קיין געלט, אדער פארקערט - אויב דער מענטש איז געלונגען האט ער מער געלט, ווייל געלט קומט פונעם אייבערשטן, אזוי ווי שלמה המלך זאגט (קהלת ט, יא): ״לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם״, פרנסה האט נישט מיטן מענטש, ״וְגַם לֹא לַנְּבֹנִים עֹשֶׁר, וְגַם לֹא לַיֹּדְעִים חֵן״; אלעס איז נאר פונעם אייבערשטן.

דעם שבת זענען מיר מסיים מסכת הוריות; מיר האבן שוין היינט מקדים געווען דער סיום אין ישיבה. איך האף אז דו האסט מסיים געווען דעם מסכתא און דו וועסט מאכן א שיינע סיום מיט דיין משפחה.

ווען די ווייב און קינדער זעהן ווי דער טאטע לערנט און ענדיגט א מסכתא נאך א מסכתא ברענגט דאס אריין אין זיי א חשקת התורה; זיי וועלן נאך מאכן וואס זיי האבן געזען ביי זייער טאטע.

זונטאג מאכן מיר א פארטי פאר די מוסדות; זע צו העלפן דיין ווייב אז זי זאל קענען קומען.

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~

**דער רבי לערנט אונז וואס איז דער עיקר אין לעבן; זיך אויפפרישן צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא; די מורא׳דיגע סגולות פון א דף גמרא; קלוג איז דער מענטש וואס נעמט אן דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי׳ן; די גרויסע רחמנות אויף א מענטש וואס לאכט אפ פונעם דרך הלימוד**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ לסדר טהרה, א׳ דר״ח אייר, ט״ו לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן וואס לערנט אונז מיר זאלן לעבן מיט תכלית, מיר זאלן וויסן אז דער וועלט איז נאר א צייטווייליגע זאך און אז דער עיקר דארף מען אריין כאפן גוטע זאכן וואס דאס וועט אונז באגלייטן אויף יענער וועלט.

מיר האבן היינט אנגעהויבן א נייע מסכתא - מסכת זבחים; וויל איך דיר מחזק זיין זאלסט אנהייבן היינט דעם דף גמרא, ווייל עס איז א שאד אויף יעדן טאג וואס גייט אריבער אן לימוד התורה. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ריד): "תַּלְמוּד" גִימַטְרִיָּא שֶׁל הַקְלִיפָּה הַמַחְטַאת אֶת הָאָדָם בִּפְגָם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת "לִילִית", ווען א מענטש לערנט גמרא פארברענט ער די קליפה וואס ווארפט אראפ א מענטש אין פגם הברית.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין ל.): "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע, וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", דער אייבערשטער זאגט: איך האב באשאפן דעם יצר הרע, אבער איך האב א רפואה פארן יצר הרע, דאס איז די הייליגע תורה וואס איז א מעדיצין קעגן אים, "אִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אויב לערנט איר תורה וועט איר נישט זיין אונטער די הענט פונעם יצר הרע, "וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה, אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אבער אויב לערנט מען נישט קיין תורה איז מען אין זיינע הענט.

זיי נישט קיין בטלן און זוך דיר נישט קיין תירוצים; הייב פון היינט אן צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג, דאס וועט דיר אויסוואשן פון אלע דיינע שלעכטע מעשים וכו'. עס איז נישט דא נאך א זאך וואס רייניגט דעם מענטש פון זיין שלעכטס ווי לערנען גמרא.

חכמינו הקדושים זאגן (שבת קו:): "גְּמָרָא גְּמוֹר זְמוּרְתָּא תְּהֵא"; טייטשן די צדיקים " גְּמָרָא גְּמוֹר" - אויב דו לערנסט גמרא, דעמאלט "זְמוּרְתָּא תְּהֵא" - וועסטו פארשניידן אלע קליפות וואס נעמען ארום די נשמה הקדושה. ווייל "זְמוּרְתָּא תְּהֵא" איז א לשון פון "לְזַמֵּר אֶת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֶת כָּל הַקּוֹצִים הַסּוֹבְבִים אֶת הַשּׁוֹשַׁנָּה הָעֶלְיוֹנָה", וואס דאס גייט ארויף אויף נשמות ישראל; און ווען מען לערנט תורה ווערן אלע קליפות פארברענט.

קוק נישט צי דו פארשטייסט וואס דו לערנסט; דו זאג נאר די ווערטער פון די הייליגע גמרא. חכמינו הקדושים זאגן (שיר השירים רבה ב, טו): "אָמַר רַבִּי אַחָא, עַם הָאָרֶץ שֶׁקּוֹרֵא לְאַהֲבָה אֵיבָה, כְּגוֹן וְאָהַבְתָּ וְאָיַבְתָּ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה'", אן עם הארץ וואס זאגט די ווערטער פון די תורה מיט גרייזן; אנשטאט זאגן: "וְאָהַבְתָּ אֵת ה'" מען זאל ליב האבן דעם אייבערשטן, זאגט ער: "וְאָיַבְתָּ אֵת", מען זאל פיינט

האבן, זאגט דער אייבערשטער (שיר השירים ב, ד): "וְדִלְגוֹ עָלַי אַהֲבָה", איך האב ליב זיינע גרייזן; ווייל ביים אייבערשטן איז זייער באליבט דער וואס לערנט תורה - אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט און אפילו ער זאגט עס מיט גרייזן, ער זאגט דאס פארקערטע וואס מען דארף ווען זאגן, אזוי באליבט איז ביים אייבערשטן דער וואס לערנט תורה, עיין שם.

איך האף אז דו וועסט זיך גוט בארעכענען און אנהייבן לערנען די הייליגע תורה, סיי חומש, סיי משניות, סיי גמרא און אזוי ווייטער; דעמאלט וועסטו שפירן אלע טעמים אין לעבן.

הער נישט צו צו די לצים וואס שפעטן אפ פון רבינ'ס "סדר דרך הלימוד"; געדענק דעם פסוק וואס מוהרא"ש פלעגט חזר'ן מיט אונז, שלמה המלך זאגט (משלי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ, וְלַצְתָּ - לְבַדְּךָ תִשָּׂא"; ווען איינער איז קלוג, ער נעמט אן די ווערטער פון די תורה, ער נעמט אן די ווערטער פון די הייליגע צדיקים, טוט ער קיינעם נישט קיין טובה, ער טוט נאר פאר זיך אליינס א טובה, און ווען איינער מאכט ליצנות פון די ווערטער פון צדיקים, מאכט ער פון זיך אליינס ליצנות.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם", דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; מען זעט ווי א מענטש קען אפלעבן א גאנץ לעבן און ער האט נעבעך ניטאמאל געענדיגט אפילו איין מאל אין לעבן תנ"ך, ששה סדרי משנה, בבלי ירושלמי תוספתא, רמב"ם טור שולחן ערוך, ספרי הזוהר והתיקונים וכו' וכו'.

דעריבער בעט איך דיר זייער, שטארק דיר און הייב אן לערנען די הייליגע תורה, וועט דיר גוט זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

...

~~~~~~~~~~~

**זע ארייננצולייגן יראת שמים אין די קינדער ביים עסן**

בעזרת ה' יתברך - יום א' לסדר טהרה, א' דר"ח אייר, ט"ו לעומר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

זע צו רעדן צו די קינדער פון אמונה בשעת דו טיילסט זיי עסן ביי מיטאג אין חדר; זאלסטו זיי דערציילן מעשיות פון צדיקים, דאס וועט אריין ברענגען אין זיי א חשק אז זיי וועלן אויך וועלן זיין צדיקים.
~~~~~~~~~~~

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סב): ווען א איד עסט איז זייער א גרויסע צייט, מען קען זוכה זיין עס זאל ווערן א יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה, אזוי ווי עס שטייט (רות ב, יד): "לְעֵת הָאֹכֶל גֹּשִׁי הֲלֹם"; דעריבער אז דו ביסט געשטעלט פון די מוסד צו זיין מיט די קינדער בשעת זיי עסן, זאלסטו זען אריין צו לייגן אמונה אין זיי בשעת דו טיילסט זיי דאס עסן, דאס קענסטו טון דורך זיי דערציילן מעשיות פון די הייליגע חכמים און פון צדיקים.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה י:) אברהם אבינו האט מגלה געווען פאר די גאנצע וועלט אז עס איז דא א באשעפער. ער האט אריין גערופן געסט צו זיך אין שטוב און זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען, "לְאַחַר שֶׁאָכְלוּ וְשָׁתוּ עָמְדוּ לְבָרְכוֹ", ווען זיי האבן אפגעגעסן זענען זיי אים געקומען באדאנקען, "אָמַר לָהֶם, וְכִי מִשֶּׁלִּי אֲכַלְתֶּם, מִשֶּׁל אֱלֹהֵי עוֹלָם אֲכַלְתֶּם!" האט זיי אברהם אבינו געזאגט: מיר דאנקט איר? די עסן איז נישט מיינס, דאס באלאנגט פארן אייבערשטן, "הוֹדוּ וְשַׁבְּחוּ וּבָרְכוּ לְמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם", דאנקט דעם אייבערשטן וואס ער האט אלעס באשאפן; אזוי האט ער אריין געברענגט דעם אייבערשטן אין אלע מענטשן. זעט מען פון דעם אז בשעת מען עסט דעמאלט איז א צייט וואס מען קען אריין ברענגען אמונה אין מענטשן.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות אכילה, חלק ב', סימן ג): "עַל יְדֵי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן נִתְוַדַּע הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּעוֹלָם", דורך ברכת המזון ווערט דער אייבערשטער באוואוסט אויף דער וועלט; אזוי ווי אברהם אבינו האט געטון. מען הייבט אן פארשטיין אז אלעס איז דער אייבערשטער, ער מאכט אלעס זאל וואקסן און ער איז מהוה די גאנצע וועלט.

ווען מען ענדיגט עסן בענטש מיט זיי; אויך זאלסטו זינגען מיט זיי אין אידיש "שכוח אייבערשטער..." - אויף יעדע פרט וואס מען האט געגעסן. אזוי ווי דער רבי האט דערציילט (חיי מוהר"ן, סימן רלז) אז ווען ער איז געווען נאך א קליין קינד פלעגט ער דאנקען דעם אייבערשטן אויף יעדן פרט וואס ער האט געגעסן, דער רבי האט געזאגט: "איך האב מיר נישט באגנוגט מיט ברכת המזון"; אזוי זאלסטו טון מיט די קינדער, לייג אריין אין זיי אמונה זיי זאלן וויסן אז דער אייבערשטער איז דא. דער אייבערשטער איז מיט אונז, ביי אונז און נעבן אונז.

שטארק דיר און שטארק דיין ווייב; פארגעס נישט אז עס איז דיין מצוה פריילִיך צו מאכן די ווייב, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין לד:): "אִשָּׁה - בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**זיך פירן און רעדן איידל און געלאסן אין שטוב; אז מען רעדט צום אייבערשטן אלעמאל און איבעראל קען מען זיך באהערשן אפילו ווען זאכן גייען נישט ווי אזוי מען וויל - דאס הייסט אן ערליכער איד; אז מען פאלגט דעם רבי'ן איז מען זוכה אופצוצוען שיינע דורות; זיך אויפפרישן צו לערנען דעם רבינ'ס ספרים.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' לסדר טהרה, ב' דר"ח אייר, ט"ז לעומר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער זאלסט אכטונג געבן אין שטוב ווי אזוי דו רעדסט. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ד.): "מִיבָּעֵי לֵיהּ לְאִינִישׁ לְמֵילַף נַפְשֵׁיהּ בְּנִיחוּתָא", א מענטש דארף זיך צוגעוואוינען זיך צו פירן רואיג און געלאסן, אזוי ווי עס שטייט (קהלת יא, י): "וְהָסֵר כַּעַס מִלִּבֶּךָ".

ווען א מענטש רעגט זיך נישט און ער איז נישט מקפיד אויף יעדע זאך, דאס איז א סימן אז דער מענטש אז אן ערליכער איד. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עירובין סה.): "אָמַר רַבִּי אִילְעָאִי בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אָדָם נִיכָּר, בְּכוֹסוֹ בְּכִיסוֹ וּבְכַעְסוֹ", מען קען דערקענען א מענטש צי ער איז אן ערליכער איד ביי דריי פעלער, איינע פון די פעלער איז "בְּכַעְסוֹ", אזוי ווי רש"י זאגט (שם): "שֶׁאֵינוֹ קַפְּדָן יוֹתֵר מִדַּאי", ער איז נישט מקפיד אויב עס גייט אים נישט ווי אזוי ער וויל.

אז מען נעמט דעם רבינ'ס עצה פון התבודדות, מען לעבט מיטן אייבערשטן און מען רעדט צום אייבערשטן וואו מען גייט און וואו מען שטייט, דעמאלט געדענקט מען אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט; מען רעגט זיך נישט אויף ווען עס גייט נישט ווי אזוי מען וויל, ווייל מען ווייסט אז אלעס איז דער אייבערשטער. און אודאי און אודאי האט מען א ריינע דיבור, מען שעלט נישט ווען עפעס אומאנגענעם פאסירט. א מענטש וואס שעלט קללות איז א סימן אז ער האט נישט קיין אמונה, ער לעבט נישט מיטן אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות קללה, חלק ב', סימן א'): "אָדָם הָרָגִיל בִּקְלָלוֹת, הוּא מֵעוֹלָם הַתּוֹהוּ", איינער וואס איז צוגעוואוינט צו שעלטן, דער איז אין עולם התוהו, ער לעבט אן אמונה, ביי אים איז אלעס תוהו ובוהו. און אזוי אויך פארקערט: "הָרָגִיל בִּבְרָכָה, הוּא מֵעוֹלָם הַתִּקּוּן", ווער עס בענטשט יעדן איינעם, דער איז אין עולם התיקון; ביי אים איז אלעס פאררעכטן, ער ווייסט אז קיינער קען אים נישט שלעכטס טון, קיינער קען אים נישט שעדיגן און קיינער קען אים גארנישט צו נעמען, דערפאר קען ער בענטשן יעדן איינעם.
~~~~~~~~~~

אז מען פאלגט דעם רבי'ן, מען נעמט אן דעם רבינ'ס וועג בתמימות ובפשיטות, איז דער גאנצער לעבן אן אנדערער לעבן, מען לעבט א חיים טובים. מען קריגט זיך נישט מיט קיינעם, בפרט אין שטוב, און אז עס גייט נישט ווי מען וויל שעלט מען נישט, דורכדעם איז מען זוכה אויפצוציען שיינע דורות. ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן צג): "אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ שֶׁהֵם מְקַלְלִים אֶת עַצְמָם, אֵין מְגַדְּלִים אֶת בְּנֵיהֶם", אויב מאן און ווייב שעלטן זיך איינער דעם צווייטן וועלן זיי נישט זוכה זיין אויפצוציען זייערע קינדער, ווייל ווען די קינדער זעהן ווי די עלטערן קריגן זיך, ווערן זיי זייער דערשראקן; זיי לעבן שטענדיג אין פחדים און זיי וואקסן אויף פעלערהאפטיג רחמנא לצלן.

מיר האבן א רבי וואס געבט אונז אזעלכע וואונדערבארע עצות אויף יעדן פרט אין לעבן, דארפן מיר זען צו לערנען דעם רבינ'ס ספרים, וועלן מיר זוכה זיין צו אלעס גוטס בזה ובבא.

היינט נאכט וועט נישט פארקומען די וועכענטליכע שיעור; איך האב א משפחה שמחה וואס איך דארף מיטהאלטן. דער שיעור וועט זיין אם ירצה ה' זיין מיטוואך נאכט.

...

~~~~~~~~~~~

**מיט'ן ארויס העלפן תורה, האט מען א גלייכער חלק אין די תורה**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' לסדר טהרה, ב' דר"ח אייר, ט"ז לעומר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

א גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר מיט די ישיבה וכו'.

עס איז פאר אונז א זכיה אז מיר קענען האבן א חלק אין העלפן פארשפרייטן די אמונה פאר די וועלט; וויפיל מיר וועלן נאר טון פארן רבי'ן וועלן מיר נישט קענען באצאלן אויף וואס דער רבי האט מיט אונז געטון און וואס ער טוט מיט אונז.

לאמיר נישט פארגעסן ווי אזוי מיר האבן אויסגעזען פאר מיר האבן זיך דערוואוסט פונעם רבי'ן, און לאמיר נישט פארגעסן וואס מיר זענען נאך יעצט אנעם רבי'ן; דעריבער דארפן מיר זיך פרייען אז מיר קענען העלפן דעם רבי'ן מיטן פארשפרייטן זיינע ספרים און ווערטער פאר די גאנצע וועלט.

זוממער איז שוין דא, וויל איך דיר בעטן אויב דו קענסט פאררעכטן די ערקאנדישן אין ישיבה; מיט דעם וועסטו האבן א חלק אין די לימוד התורה וואס די בחורים לערנען.
~~~~~~~~~~~

אזוי ווי מיר געפונען אין גמרא ביי (זבחים ב.): "שִׁמְעוֹן אֲחִי עֲזַרְיָה", זאגט רש"י, פארוואס רופט מען אן אין די גמרא שמעון דער ברידער פון עזריה? "עַל שֵׁם שֶׁעֲזַרְיָה עָסַק בִּפְרַקְמַטְיָא, וְסִיפֵּק צָרְכֵי שִׁמְעוֹן אָחִיו בְּשָׁעָה שֶׁהָיָה עוֹסֵק בַּתּוֹרָה, וְהִתְנוּ בֵּינֵיהֶן שֶׁיְּהֵא חֵלֶק לַעֲזַרְיָה בִּשְׂכַר תַּלְמוּדוֹ שֶׁל שִׁמְעוֹן", עזריה האט געהאלפן אז זיין ברידער שמעון זאל קענען לערנען און ער האט זיך אויסגענומען אז ער וועט נעמען א חלק פון שמעון׳ס תורה, דערפאר רופט מען אים אן אין די גמרא שמעון דער ברידער פון עזריה; דאס זעלבע זאג איך דיר, אז דו וועסט פארערכטן די ערקאנדישן וועסטו האבן א חלק אין די תורה וואס די בחורים לערנען.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

### געעפנט דעם נייעם כולל "היכל הקודש" ברסלב

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ לסדר טהרה, ב׳ דר"ח אייר, ט"ז לעומר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד די חשוב׳ע כולל אינגעלייט "תלמידי היכל הקודש" נרם יאיר**

איך פריי מיך זייער אז מיר האבן זוכה געווען צו עפענען דעם כולל וואו מען וועט לערנען גמרא און הלכה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ח.): אויפן פסוק (תהילים פז, ב): "אֹהֵב ה׳ שַׁעֲרֵי צִיּוֹן מִכֹּל מִשְׁכְּנוֹת יַעֲקֹב", אז דער אייבערשטער האט ליב ווען מען לערנט הלכה מער ווי אלע אנדערע לימודים, ווייל "מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אֵין לוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּעוֹלָמוֹ, אֶלָּא אַרְבַּע אַמּוֹת שֶׁל הֲלָכָה בִּלְבַד", פון ווען מיר האבן פארלוירן דעם בית המקדש - דעם אייבערשטנ׳ס הויז, וואוינט דער אייבערשטער דארט וואו מען לערנט הלכה; דערפאר האט דער רבי זייער מקפיד געווען אז יעדער איד דארף לערנען יעדן טאג הלכה (שיחות הר"ן, סימן כט).

דעם ערשטן שעה פונעם טאג זאלט איר לערנען דעם דף גמרא, נאכדעם וועט מען לערנען צוויי שעה פארמיטאג און צוויי שעה נאכמיטאג הלכה. פארמיטאג זאלט איר לערנען הלכות שבת; הייבט אן סימן רמ"ב - הלכות שכירות וקבלנות, און נאכמיטאג זאלט איר לערנען די גרינגערע סימנים, היינט הייבט אן סימן רע"א ביז ש"א.

דער עיקר זאלט איר אינוועסטירן אינעם יסוד; דאס הייסט, אויב איר ווילט גוט קענען הלכה זאלט איר אנהייבן פון די גמרא. לערנט גוט אדורך די גמרא רש"י און
~~~~~~~~~~

תוספות, נאכדעם גייט צום טור בית יוסף, אזוי ווען איר וועט קומען צום מחבר וועט איר זיין קלאר.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זוכה זיין צו דעם וואס די הייליגע חכמים זאגן (ברכות סד.): "אָמַר רַבִּי לֵוִי בַּר חִיָּיא, הַיּוֹצֵא מִבֵּית הַכְּנֶסֶת וְנִכְנָס לְבֵית הַמִּדְרָשׁ וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה, זוֹכֶה וּמְקַבֵּל פְּנֵי שְׁכִינָה, שֶׁנֶּאֱמַר יֵלְכוּ מֵחַיִל אֶל חָיִל יֵרָאֶה אֶל אֱלֹהִים בְּצִיּוֹן".

...

~~~~~~~~~~~

**באדאנקט זיך פאר'ן אהערשטעלן די פארטי**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' לסדר טהרה, ב' דר"ח אייר, ט"ז לעומר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'.**

וואויל איז אייער חלק אז איר האט אהער געשטעלט אזא שיינע פארטי פאר די ישיבה, איר האט אוועק געגעבן טעג און וואכן אז דאס זאל זיין מיט הצלחה; געלויבט דעם אייבערשטן אז עס איז געווען מיט הצלחה.

יעצט ווען מיר ציילן די טעג פון ספירה פאר קבלת התורה, איז די פאסיגע צייט צו מאכן די פארטי פארן מוסד, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שיר השירים רבה א, ד): ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די אידן, האט דער אייבערשטער געבעטן פון די אידן "הָבִיאוּ לִי עֲרֵבִים טוֹבִים שֶׁתִּשְׁמְרוּהָ", ברענגט מיר א גאראנטי אז איר וועט היטן די תורה, האבן די אידן פרובירט צו ברענגען אסאך ערבים, אבער דער אייבערשטער האט אויף אלעמען געענטפערט: "עֲרֵבְךָ צָרִיךְ עָרֵב", דער ערב אליינס דארף א גאראנטי, ביז די אידן האבן געזאגט: "בָּנֵינוּ עוֹרְבִים אוֹתָנוּ", אונזערע קינדער זענען אונזערע גאראנטיס אז מיר וועלן האלטן די תורה, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָא וַדַּאי עֲרֵבִים טוֹבִים, עַל יְדֵיהֶם אֶתְּנֶנָּהּ לָכֶם, הֲדָא הוּא דִכְתִיב (תהלים ח, ג): מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", דאס זענען גוטע גאראנטיס, בזכות די קינדער וועל איך ענק געבן די תורה; זעט מען פון דעם אז דער אייבערשטער האט גענומען אונזערע קינדער פאר א גאראנטי אז מיר וועלן האלטן די תורה, דערפאר איז א גרויסע זאך אז איר האט געמאכט א פארטי פארן מוסד מיר זאלן קענען אנגיין מיט די חדר און מיידל סקול.

בזכות וואס איר העלפט די מוסדות זאלט איר האבן נחת פון אייערע קינדער; איר זאלט זוכה זיין זיי צו מגדל זיין לתורה ולמצות ולמעשים טובים.
~~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער זאל העלפן אייער בר מצוה בחור זאל אויסוואקסן לשם ולתפארת; איך בין אים מחזק יעדן אינדערפרי. איך האב זייער הנאה אז ער קומט צו דעם דף גמרא שיעור און איך האף אז ווען ער וועט ווערן א בחור וועט ער ווייטער קומען, ווייל זייער אסאך מאל ווען די קינדער וואקסן אויף קומען זיי שפעטער אין ישיבה, דאס קומט ווייל עלטערן האבן א טעות, זיי מיינען אז מען טאר נישט וועקן א בחור.

וויסן זאלט איר מרת ... תחי׳, דאס וואס איך האב געלערנט אלץ בחור איז אלעס בזכות מיין טייערע מאמע תחי׳; זי פלעגט זיצן אויף מיין בעט און זינגען פאר מיר ניגונים איך זאל אויפשטיין, דאס איז געווען ווען איך בין שוין געווען א בחור פון זעכצן יאר, אין איר זכות בין איך אויפגעשטאנען. ווען זי זאל מיר לאזן שלאפן וואלט איך נאך אלץ געשלאפן, דעריבער וויל איך אייך מחזק זיין איר זאלט העלפן אייערע קינדער אויפשטיין אינדערפרי זיי זאלן קומען אין ישיבה לערנען און דאווענען.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**באדאנקט זיך פאר׳ן אהערשטעלן די פרויען פארטי**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ לסדר טהרה, ב׳ דר״ח אייר, ט״ז לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד מרת ... תחי׳.**

וואויל איז אייער חלק אז איר האט אהער געשטעלט אזא שיינע פארטי פאר די ישיבה, איר האט אוועק געגעבן טעג און וואכן אז דאס זאל זיין מיט הצלחה; געלויבט דעם אייבערשטן אז עס איז געווען מיט הצלחה.

יעצט ווען מיר ציילן די טעג פון ספירה פאר קבלת התורה, איז די פאסיגע צייט צו מאכן די פארטי פארן מוסד, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שיר השירים רבה א, ד): ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די אידן, האט דער אייבערשטער געבעטן פון די אידן "הָבִיאוּ לִי עֲרֵבִים טוֹבִים שֶׁתִּשְׁמְרוּהָ", ברענגט מיר א גאראנטי אז איר וועט היטן די תורה, האבן די אידן פרובירט צו ברענגען אסאך ערבים, אבער דער אייבערשטער האט אויף אלעמען געענטפערט: "עֲרֵבְךָ צָרִיךְ עָרֵב", דער ערב אליינס דארף א גאראנטי, ביז די אידן האבן געזאגט: "בָּנֵינוּ עוֹרְבִים אוֹתָנוּ", אונזערע קינדער זענען אונזערע גאראנטיס אז מיר וועלן האלטן די תורה, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָא
~~~~~~~~~~~

וַדַּאי עֲרֵבִים טוֹבִים, עַל יְדֵיהֶם אֶתְּנֶנָּה לָכֶם, הֲדָא הוּא דִכְתִיב (תהלים ח, ג): מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", דאס זענען גוטע גאראנטיס, בזכות די קינדער וועל איך ענק געבן די תורה; זעט מען פון דעם אז דער אייבערשטער האט גענומען אונזערע קינדער פאר א גאראנטי אז מיר וועלן האלטן די תורה, דערפאר איז א גרויסע זאך אז איר האט געמאכט א פארטי פארן מוסד מיר זאלן קענען אנגיין מיט די חדר און מיידל סקול.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח איר זאלט זוכה זיין אויפצוציען אייערע קינדער געזונטערהייט, צוזאמען מיט אייער חשוב'ער מאן ... נרו יאיר.

זיכער ווייסט איר וואסערע טייערער מאן איר האט; ער פירט זיך אויף מיט יראת שמים און מיט מידות טובות, ער איז געבענטשט מיט (משלי ג, ד): "חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹקִים וְאָדָם", אין בית המדרש זעט מען אים נאר דאווענען און לערנען.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**דער רבי לאזט נישט אויפגעבן - נישט קיין חילוק וויפיל מען האט שוין פרובירט; דער יצר הרע מאכט זיך טאקע זייער בא'טעמ'ט אבער אים צו פאלגן איז זייער ביטער; יעדער איד אין יעדע מצב קען תשובה טון - א תפילה דערויף; די גרינדונג פון "כולל היכל הקודש" - א מתנה צום צענטן יאר; די שוועריקייטן וואס איז דורך מבית ומחוץ; אלע האבן געוואלט אויסרייסן די ישיבה - מקטן ועד גדול; קיינמאל נישט אפלאזן דעם רבי'ן - אפילו נאר לפנים; אן אמת'ער מקורב צום רבי'ן קען מען שוין קיינמאל נישט אוועקנעמען; די הייליגע ישיבה וואס ברענגט נענטער משיח צדקינו; וואס קען יעדער איד טון צו ברענגען משיח; בעטן דעם אייבערשטן צו האבן אמונה און לעבן מיט אים; אז מען טוט תשובה זעט מען אז אלעס איז דער אייבערשטער.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' לסדר טהרה, ב' אייר, י"ז לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

דער עיקר וואס דער רבי וויל פון אונז איז איין זאך: מיר זאלן זיך דערהאלטן מיט אלע אונזערע כוחות ווייטער אנצוגיין מיט תורה ותפילה און מיר זאלן נישט אויפגעבן ווען מיר זעהן אז עס גייט אריבער טעג און יארן וואס מיר פרובירן צו דינען דעם אייבערשטן, אבער מען קוקט זיך אן און מען זעט אז מען האלט נאך זייער ווייט פון א פינטעלע עבודת השם. דאס איז די גאנצע זאך וואס דער רבי וויל; דער רבי איז אונז מחזק, ער שטארקט אונז מיר זאלן נישט אויפגעבן ווען מיר זעהן ווי מיר האלטן אין
~~~~~~~~~~~

איין אראפפאלן, נאר מיר זאלן ווייטער דינען דעם אייבערשטן און ווייטער אנגיין מיט תורה תפילה.

לאז דיר נישט צעברעכן פונעם שטן, פונעם יצר הרע; דער ס"מ האט זייער פיינט א מענטש און ער וויל אים אויסרייסן פון דער וועלט און פון יענער וועלט, דערפאר מאכט ער זיך בא'טעמ'ט פארן מענטש, אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי ה, ד): דער שטן מאכט אויס קוקן ווי עבירות איז א גוטע זאך, אבער "וְאַחֲרִיתָהּ מָרָה כַלַּעֲנָה, חַדָּה כְּחֶרֶב פִּיּוֹת", דער סוף איז נישט גוט; דער סוף פון עבירות איז טויט, דער סוף פון שמוץ איז זייער ביטער.

אויב מען טוט תשובה און מען קומט צוריק צום אייבערשטן איז גוט, ווייל דער אייבערשטער ווארט דער מענטש זאל תשובה טון, ער ווארט אז דער מענטש זאל רעדן א ווארט צו אים; יעדע ווארט וואס מען איז זוכה צו רעדן צום אייבערשטן גייט ארויף זייער הויך און מאכט א רעש און א טומל אין אלע וועלטן, אפילו דער מענטש קוקט אויס ווי ער קוקט אויס, אויב דערהאלט מען זיך און מען שרייט צום אייבערשטן: **"טאטע! ראטעווע מיר, טאטע, העלף מיר איך זאל נישט פארלירןביידע וועלטן, טאטע, וואס זאל איך טון אז איך פאל אראפ אין עקעלדיגע מעשים; טאטע, וואס זאל איך טון אז מיינע אויגן זענען נישט ריין, איך קוק אויף שמוץ און איך טראכט שמוץ"**, דורך דעם איז מען זוכה ארויסצוגיין פון אלעם שלעכטס; דאס איז וואס דער רבי וויל פון אונז, מיר זאלן אנהייבן כסדר פון דאסניי, מיר זאלן זיך מחדש זיין און זיך באנייען יעדע רגע און יעדע מינוט.

נעכטן האבן מיר זוכה געווען צו עפענען א כולל: "כולל היכל הקודש", וואס איז נאך א רינגעלע אין אונזער הייליגע נעץ "מוסדות היכל הקודש"; איך דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז מיר האלטן שוין דא.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס מיר זענען אלץ אריבער במשך די יארן פון ווען מיר האבן געעפענט די ישיבה; ביטערע מחלוקת מבית ומחוץ, אלע האבן געשריגן אז דאס דארף מען אויסרייסן (היה לא תהיה), אבער געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האלטן שוין צען יאר זינט מיר האבן געעפענט די הייליגע ישיבה, "הָעֲשִׂירִי יִהְיֶה קֹּדֶשׁ לַה'!" שוין צען יאר וואס מיר לערנען מיט קינדער און בחורים אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, צען יאר וואס מיר לעבן מיטן הייליגן רבינ'ס ווערטער; נעכטן האט מיר דער אייבערשטער געגעבן א געשאנק פארן צענטן יאר אז מיר האבן געעפענט א כולל.

איך געדענק ווען די רבנים פון שטאט אין התאחדות הרבנים האבן זיך צוזאמגעזעצט דן צו זיין אויף מיר צי איך מעג האבן די ישיבה צי נישט, איז געווען זייער אנגעצויגן, עס האט ממש אויסגעקוקט ווי עס איז עק וועלט; מען איז ארום געלאפן צו רבנים זיי זאלן מיר העלפן (איך בין נישט געגאנגען צו קיינעם), האבן מיר אפאר חברים דערציילט אז זיי זענען געווען ביי א גרויסן רב, איינער פון די גרעסטע פוסקים בזמנינו, מען האט זיך געבעטן ביי אים ער זאל שרייבן א צעטל אז ער געבט אן הסכמה אויף די ישיבה, האט דער רב שליט"א געזאגט אז אויב איך וועל אונטער שרייבן אז איך לאז אפ ברסלב וועט ער מיר העלפן, ער וועט אנרופן "התאחדות הרבנים" זיי זאלן אפלאזן די ישיבה; זענען זיי געקומען צו מיר בעטן איך זאל דאס טון, איך האב אבער נישט געהאלטן ביים שרייבן אזא צעטל אפילו נאר לפנים.

למעשה האב איך דערציילט פאר מוהרא"ש וואס יענער רב האט געזאגט, האט מוהרא"ש מיר געזאגט: "זאג פאר יענעם רב, אז דער רבי האט דיר שוין אפגע'מל'עט; דו ביסט שוין א ברסלב'ער און מען קען דיר שוין נישט אוועק נעמען פון רבי'ן. אזוי ווי די גוים זאגן פאר די אידן מישט אייך אויס מיט אונז, ווערט ווי אונז, דאס איז אבער נישט שייך ווייל א איד קען נישט ווערן אויס איד, א איד איז גע'מל'עט, א איד האט נישט קיין ערלה, מה שאין כן די גוים ווערן אנגערופן פארשטאפט, אזוי ווי עס שטייט (ירמיהו ט, כה): "כִּי כָל הַגּוֹיִם עֲרֵלִים", דאס זעלבע קענסטו שוין נישט אפלאזן דעם רבי'ן". דאס איז פאר מיר געווען זייער א שטארקע חיזוק אז מוהרא"ש זאגט מיר: "דער רבי האט דיר שוין אפגע'מל'עט".

למעשה האט דער אייבערשטער געהאלפן אז זיי זענען נישט ארויס געקומען אנטקעגן מיר, די ישיבה שטייט ווייטער און עס וועט שטיין ביז משיח וועט קומען, מיר וועלן קענען זאגן פאר משיח: "מיר האבן יעדן טאג געטון גוטע זאכן אז דו זאלסט קומען וואס שנעלער", און יעדער איינער וואס וועט עוסק זיין אין הפצה, ער וועט גיין פארשפרייטן דעם אייבערשטן און דעם רבינ'ס עצות פאר אידישע קינדער - יעדער איינער אויף זיין וועג, וועט אויך קענען זאגן פאר משיח: "מיר האבן א חלק אין דיין קומען".

בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט האבן אמונה און דו זאלסט לעבן מיט אים, דו זאלסט לעבן מיט (תהילים טז, ח): "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד"; אז א מענטש לעבט מיט אמונה אינעם אייבערשטן וועט ער נישט קוקן קיין שמוץ אפילו ווען ער איז אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, ער וועט זיך שעמען פונעם אייבערשטן ווייל ער ווייסט אז דער אייבערשטער איז מיט אים ביי אים און נעבן אים; ער וועט אכטונג געבן וואסערע

טעלעפאון ער האט, נישט ווייל ער האט א משגיח אויפן קאפ, נאר ער וועט מורא האבן פון (שיר השירים ב, ט): "מַשְׁגִּיחַ מִן הַחַלֹּנוֹת מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים", דער אייבערשטער - וואס ער איז אונזער משגיח; ער זעט אלעס און הערט אלעס. דאס וואס מען זעט אים נישט, מען הערט אים נישט און מען שפירט אים נישט, דאס איז ווייל ווען א מענטש זינדיגט חס ושלום ווערן אים זיינע חושים פארוואלקנט, ער מאכט זיך א מסך המבדיל, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹהֵיכֶם", ווען מען זינדיגט ווערט אזוי ווי א מחיצה צווישן דעם מענטש אינעם אייבערשטן.

מוהרא"ש האט דערציילט אז מען האט אמאל געהערט ווי דער הייליגער בעל התניא זאגט שיר השירים און ער זינגט זיך דעם פסוק (שיר השירים ב, ט): "הִנֵּה זֶה עוֹמֵד אַחַר כָּתְלֵנוּ" און ער טייטשט דאס אויס אזוי: "הִנֵּה זֶה עוֹמֵד", אט איז דער אייבערשטער, ער שטייט דא; "אַחַר", דאס וואס מיר זעהן דא אפעס אנדערש, מיר זעהן נישט דעם אייבערשטן, דאס איז ווייל מיר האבן געזינדיגט און זיך געמאכט "כָּתְלֵנוּ" א וואנט; אבער אז מען טוט תשובה נעמט מען אראפ דעם וואנט און מען זעט אז אלעס איז דער אייבערשטער. דאס וועט זיין ווען משיח וועט קומען, מען וועט זאגן (ישעיהו כה, ט): "הִנֵּה אֱלֹהֵינוּ זֶה קִוִּינוּ לוֹ וְיוֹשִׁיעֵנוּ, זֶה ה' קִוִּינוּ לוֹ, נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**מחזק א בחור וואס האט געדארפט אוועקמופן**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' לסדר טהרה, ב' אייר, י"ז לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן פון דיר, איך בענק מיר שוין זייער נאך דיר; איך האף אז דו וועסט פטור ווערן פון די מדינה של גיהנום און קענען צוריק קומען קיין אמעריקע.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג זאגן ביי די שיעורים, אז זיי דארפן נישט קיין בחורים אין זייער טריפה'נע מיליטער (צה"ל), זיי האבן גענוג און נאך רוסן אין זייער מיליטער, זיי ווילן פשוט אויסרייסן אידישקייט (היה לא תהיה) דורך מטמא זיין בחורים און מיידלעך אין זייער שמד מיליטער; געדענק אז מיט תפילה קען מען אלעס פועל'ן.
~~~~~~~~~~

בנוגע דיין דירה צי דו זאלסט עס אויפגעבן אדער ווייטער צאלן רענט ביז דו קומסט צוריק; געב עס אויף. עס איז נישט כדאי צו צאלן געלט יעדע חודש אויפן חשבון אז דו וועסט צוריק קומען, און אפילו דו וועסט בקרוב צוריק קומען וועסטו טרעפן נאך בעסערס און ביליגער. בנוגע דיינע חפצים וואס ליגן דארט; בעט א חבר זאל דיר טון א טובה און צוזאמנעמען דיינע חפצים און עס דיר אפשיקן קיין ארץ ישראל, אדער אוועק לייגן ביז דו וועסט דאס קומען אפנעמען.

זע צו נעמען די ערשטע ארבעט וואס קומט דיר אונטער; דו זאלסט נישט גיין ליידיג חס ושלום, וואס דאס איז די ערגסטע זאך, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עיין כתובות נט:) "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה, וְלִידֵי שִׁגָּעוֹן", גיין ליידיג ברענגט צו נישט גוטע זאכן און עס ברענגט צו דעפרעסיע; קוק אין די מעשה פון די בן מלך און בן שפחה וואס זענען פארביטן געווארן (ספורי מעשיות, מעשה יא) ווי מען האט געזאגט פארן אמת'ן בן מלך אין חלום: "אויב דו ווילסט קומען צו דיין זאך זאלסטו נעמען די ערשטע ארבעט וואס מען טראגט דיר אן", און אזוי האט ער טאקע געטון, ער האט גענומען די ערשטע ארבעט און ער איז טאקע צו געקומען צו זיין זאך.

זיי מחזק האברך ... נרו יאיר, ער זאל ווייטער ממשיך זיין בהפצה. און דו זאלסט אויך ווייטער ממשיך זיין מיט אלע דיינע עבודות הקודש וואס דו טוסט, אז די דרשות פון ישיבה זאלן גיין אויף אלע שפראכן וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זוכה זיין צו טרעפן בקרוב דיין זיווג און אויפשטעלן שיינע ערליכע אידישע דורות לה' ולתורתו.

...

~~~~~~~~~~~

**דער ריכטיגער וועג זוכה צו זיין צו גוטע קינדער; רעדן צו קינדער קלאר און דייטליך זיך אכטונג צו געבן פון מושחתים און מנוולים; רעדן צו די טעכטער ווי אזוי צו בלייבן ערליך און אפגעהיטן; נישט רעדן פון א פראבלעם העלפט נישט דעם פראבלעם; די וויכטיגקייט פון קומען צום וועכענטליכן שיעור; זיך דרייען צווישן גוטע חברים; זיך באווייזן דאס פנים נאכן שיעור, נישט גלייך אנטלויפן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' לסדר טהרה, ג' אייר, י"ח לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

אז דו האסט קינדער דארפסטו אכטונג געבן אויף זיי; גוטע קינדער נעמט מען נישט אראפ פון בוים. אויב מען וויל זוכה זיין צו גוטע קינדער דארף מען אכטונג געבן אויף זיי ווען זיי זענען נאך יונג.

מוהרא"ש זאגט, דאס וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן נד): "**עַל יְדֵי חֲנוּכָּה וְנֵר שַׁבָּת הֲוֵי לֵהּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים**", דורך נר שבת און נר חנוכה איז מען זוכה צו קינדער תלמיד חכמים; דאס מיינט צו זאגן אויב עלטערן אינטערעסירן זיך וואס דער קינד טוט, מיט וועם דער קינד חבר'ט זיך וכו' וכו', דאן וועלן זיי זוכה זיין צו ערליכע קינדער. אזוי ווי מיר געפינען (פסחים ז:): "חִפּוּשׂ מִנֵּרוֹת, וְנֵרוֹת מִנֵּר", מען לערנט ארויס אז מען זוכט אויף א זאך פון נרות; אז מען זוכט נאך די קינדער און מען קוקט זיי נאך מיט וועם זיי חבר'ן זיך, מען געבט אכטונג וואו זיי גייען וכו', דעמאלט איז מען זוכה צו קינדער תלמידי חכמים, דאס איז פשט וואס דער רבי זאגט: "**עַל יְדֵי חֲנוּכָּה וְנֵר שַׁבָּת הֲוֵי לֵהּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים**", אז מען זוכט נאכן קינד מיט וועם ער דרייט זיך וכו' וכו', דורכדעם איז מען זוכה צו גוטע קינדער.

ליידער זענען דא היינט אסאך פארדארבענע מענטשן, עס דרייען זיך ארום קראנקע מענטשן וואס זוכן קינדער און בחורים, זיי זוכן אומשולדיגע קרבנות וועם מכשיל צו זיין אין עבירות; דערפאר ליגט א חובת השעה אויף עלטערן צו רעדן צו די קינדער פון קדושת הברית. מען דארף רעדן צו די קינדער קלאר און דייטליך - אן קיין רמזים - אז מען דארף זיין הייליג; מען דארף זיי זאגן וואס הייליג מיינט, הייליג מיינט היטן דעם אות הברית, אז מען טאר נישט לייגן די הענט אויפן אות ברית קודש, און מען דארף היטן די אויגן וכו', און זיכער טאר דיר קיינער נישט אנרירן אויפן אות ברית קודש. אויב איינער רופט דיר אין א זייט און כאפט דיר אן אויף דעם פלאץ וכו' דארפסטו קומען פארציילן, זאלסט נישט מורא האבן צו קומען דערציילן אפילו ווען יענערווארפט אויף דיר א פחד אז דו זאלסט נישט דערציילן.

פארשטייט זיך אז ווען מען רעדט צו קינדער, בפרט קליינע קינדער, טאר מען זיי נישט דערשרעקן, מען דארף רעדן צו זיי נאטורליך און זיכער; נישט קעקעצן און אזוי אויך נישט מורא האבן אויב זיי וועלן פרעגן שאלות און מען וועט נישט וויסן וואס צו ענטפערן. מען זאגט זיי קלאר: "דא טאר מען נישט לייגן די הענט", פארוואס? פארוואן? "ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געזאגט"; "אויב איינער כאפט דיר דא אן זאלסטו פארציילן פאר טאטי אדער פאר מאמי".

אויך צו די מיידלעך דארף מען רעדן פון קדושה; מען דארף זיי אנזאגן אז ווען זיי גייען צו א חבר'טע אדער משפחה, דארפן זיי געדענקען און וויסן אז קיינער קען זיי

נישט אנרירן אויף נישט אן איידעלע פלאץ און זיי זאגן פינקטלעך ווי וכו׳, קיינער מיינט קיינער, און ווען זיי שפילן מיט חבר׳טעס זאלן זיי זיך פירן איידל, נישט שפילן דער שפיל וואס רופט זיך דאקטער, א שפיל וואס מען טוט זיך אויס וכו׳, און נישט שלאפן מיט א חבר׳טע וכו׳.

איך ווייס אז עס איז א שווערע זאך צו רעדן דערפון; עס איז אסאך גרינגער נישט אריין צו גיין אין דעם שמועס וכו׳, אבער אויב מען רעדט נישט מיט זיי וועט זיין זייער שווער שפעטער ווען עס וועט פאסירן חס ושלום עפעס שלעכטס, ווען א מניוול נעמט א קינד און טוט מיט אים השחתה און מעשה תועבה איז אזוי ווי ער נעמט א מעסער און הרג׳עט דעם קינד פאר זיין גאנצע לעבן. וויפיל לעבנס וואלט מען געקענט ראטעווען ווען מען וואלט גערעדט צו די קינדער פאראויס?! נעם נישט אן גרינג וואס איך שרייב דיר; גלייב מיר אז מיר איז אסאך גרינגער נישט צו שרייבן דערפון, מיר איז אסאך גרינגער ארויס צו נעמען דעם גאנצן נושא, איך וויל פשוט ראטעווען דיינע קינדער, זיי זאלן נישט ווערן אומגליקליך פון שלעכטע מענטשן.

היינט וועט אם ירצה ה׳ פארקומען די וועכענטליכע שיעור; עס איז זייער וויכטיג דו זאלסט קומען צום שיעור יעדע וואך, ווייל אז מען האט א גוטע סביבה פון גוטע חברים וועט זיך אן קלעבן אין דיר אויך גוטס. ווען מען גייט אריין אין א געשעפט וואו מען פארקויפט גוטע שמעקדיגע בשמים (פערפיום), אפילו מען קויפט נישט קיין בשמים, הייבט מען אן גוט צו שמעקן; אזוי אויך פארקערט, ווען א מענטש דרייט זיך אין א פלאץ וואו עס איז דא א שלעכטע גערוך, וועט ער אנהייבן צו שמעקן פון די נישט גוטע גערוך. דאס זעלבע איז ברוחניות, אפילו דו פאלסט וואו דו פאלסט, דו טוסט וואס דו טוסט, אבער אויב דו וועסט זיך דרייען מיט ערליכע חברים, דו וועסט קומען צו די שיעורים וואס מען לערנט אין היכל הקודש, וועסטו צום סוף ווערן אן ערליכער איד, ווייל עס איז לא ימלט עס זאל זיך נישט אנקלעבן עפעס גוטס אין דיר; אבער אז מען האט נישט קיין ערליכע חברים, מען הערט נישט קיין חיזוק, אפילו איינער וואס איז גוט און ערליך וועט צוביסלעך אפגעקילט ווערן.

נאכן שיעור לויף נישט גלייך אהיים, איך וויל דיר באגריסן וכו׳; צו מאל קען אריבער גיין עטליכע חדשים וואס איך הער נישט פון דיר, אפילו דו קומסט צום שיעור און איך זע דיר ביים שיעור. איך וויל זיך אינטערעסירן ביי דיר צי אלעס איז אין ארדענונג וכו׳, אבער גלייך נאכן שיעור גייסטו אהיים, דעריבער וויל איך דיר בעטן דו זאלסט ווארטן נאכן שיעור איך זאל דיר קענען באגריסן, סך הכל וויל איך דיר נאר מחזק זיין און העלפן דו זאלסט האבן א גוט לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**דער גרעסטער קונץ איז זיך אויפהייבן און אנגיין מיט לעבן אין א צייט ווען מען גייט אדורך שוועריקייטן; די תכלית פון יסורים און שוועריקייטן; דורכן רבי'ן איז מען זוכה צו האבן אמונה אין אלע אומשטענדן; א צדיק איז דער וואס טרעפט דעם אייבערשטן אין אלע מצבים; דעם רבינ'ס וועג איז אייגנארטיג - אויפהייבן און מחי' זיין א צווייטן איד אן קיין פשרות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' לסדר טהרה, ד' אייר, י"ט לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר טייערער ברידער, קלאפ זיך נישט אראפ; עס איז נישט קיין קונץ זיך אראפצוקלאפן, עס איז נישט קיין חכמה ארום צו גיין מיט אן אראפגעלאזטער נאז. אויף יעדן איינעם גייט איבער שוועריקייטן; דער קונץ איז זיך אויפצוהייבן, דער קונץ איז צו קענען שמייכלען אפילו ווען עס גייט נישט ווי אזוי מען וויל, און אין דעם מעסט זיך דאס גרויסקייט פון א איד - "וויפיל ער דערהאלט זיך".

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, ג): "עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם", אברהם אבינו האט מען אויספרובירט מיט צען נסיונות און ער האט זיך דערהאלטן, ער איז נישט אוועק געגאנגען פון די אמונה, און ער האט ווייטער מגלה געווען די אמונה פאר די גאנצע וועלט. "לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם", דאס ווייזט אונז ווי ווייט אברהם אבינו איז געווען דבוק צום אייבערשטן; ער איז נישט אוועק געגאנגען פון די אמונה אפילו ער איז דורך שווערע ביטערע נסיונות.

ווען דער אייבערשטער שיקט פאר א מענטש יסורים איז דאס נאר ווייל ער וויל זען צו ווען דער מענטש וועט זיך ווענדן; וועט ער קומען צו מיר, אדער ער וועט זוכן מענטשן אויף ווען זיך צו פארלאזן, אדער גאר זוכן מענטשן ווען צו באשולדיגן אין זיינע פראבלעמען.

ווען א מענטש לעבט מיט אמונה אינעם אייבערשטן קען אים קיינעם נישט אוועק נעמען פון די הייליגע אמונה; זאל אריבער גיין אויף דעם מענטש שווערע ביטערע זמנים ה' ירחם, וועט ער ווייטער בלייבן ביי די אמונה. אזוי ווי דוד המלך זאגט (תהילים
~~~~~~~~~~~

קלט, ו-יב): "פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ, אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ? וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח?" עס איז מיר א וואונדער ווי א מענטש קען טראכטן ביי זיך אז ער קען אנטלויפן פונעם אייבערשטן, "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה", ווייל אז איך וועל ארויפגיין אין הימל - ביסטו דארט רבונו של עולם, "וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ", אז איך וועל זיך באהאלטן אין תהום - ביסטו ווייטער דארט רבונו של עולם, "אֶשָּׂא כַנְפֵי שָׁחַר אֶשְׁכְּנָה בְּאַחֲרִית יָם, גַּם שָׁם יָדְךָ תַנְחֵנִי וְתֹאחֲזֵנִי יְמִינֶךָ", איך וועל אנטלויפן צו א ווייטע לאנד אריבער דעם גרויסן ים - דארט ביסטו אויך רבונו של עולם, "וָאֹמַר אַךְ חֹשֶׁךְ יְשׁוּפֵנִי וְלַיְלָה אוֹר בַּעֲדֵנִי, גַּם חֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָ, וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר כַּחֲשֵׁיכָה כָּאוֹרָה", איך וועל מיר באהאלטן אין די פינסטערניש - דארט ביסטו אויך רבונו של עולם, ביי דיר איז נישט קיין חילוק צי עס איז טונקל אדער ליכטיג; איז ווי קען מען זיך באהאלטן פונעם אייבערשטן?!

צו די מדריגה קענען מיר אלע זוכה זיין; דער רבי לערנט מיט אונז אזעלכע לימודים אז אפילו מיר פשוט'ע מענטשן ווי מיר זענען נאך, זאלן מיר אויך קענען לעבן מיט אמונה אינעם אייבערשטן און זיך דערהאלטן אפילו ווען עס גייט אריבער שווריקייטן וכו'.

מוהרא"ש חזר'ט אן א שיעור מאל אין די בריוו וואס דער זוהר הקדוש זאגט (הקדמה, ד.): יעדן טאג גייט ארויס א בת קול פון הימל וואס רופט אויס: "מָאן מִנְכוֹן דִּי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", ווער פון אייך קען איבערדרייען און מאכן פון טונקל - ליכטיג און פון ביטער - זיס? "מָאן מִנְּכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר?" ווער ווארט יעדן טאג עס זאל ליכטיג ווערן? דער מענטש וועט האבן א חלק לעולם הבא; ווייל ווען א מענטש איז זוכה, ער מאכט פון זיין ביטער לעבן א זיס לעבן, פון זיין טונקלקייט מאכט ער ליכטיג; ער ווייסט אז אין די טונקלקייט איז באהאלטן דער אייבערשטער, אין די ביטערניש איז באהאלטן דער זיסער באשעפער - דער איז א צדיק.

אין די צייטן פון רבי'ן איז געווען א חשוב'ער איד וואס האט זיך באנוצט מיט קבלה מעשית; דער הייליגער אריז"ל איז זייער שארף אז מען זאל נישט עוסק זיין אין דעם, ווייל מיר זענען אלע טמאי מתים, מיר האבן נישט היינטיגע צייטן די אפר פרה אדומה, ממילא טאר מען זיך נישט באנוצן מיט דעם, ווייל מען לייגט זיך אריין אין א סכנה (עיין בספר שערי קדושה לרבי חיים ויטאל זצ"ל, חלק ג' שער ו'). למעשה איז געווען א איד וואס האט זיך יא באנוצט מיט דעם, ווען חסידים האבן דאס דערציילט פאר זייער רבי האט יענער רבי געזאגט מען זאל אים מאכן א משכנתא, מען זאל אים ארום נעמען מיט א קלייד און אים גוט שלאגן וכו', די חסידים האבן געפאלגט זייער רבי און דער איד איז

ממש אראפגעפאלן אין א שרעקליכע עצבות, מאיגרא רמא לבירא עמיקתא, און ער איז ממש נישט געווען ביי זיך, די משפחה האבן נישט געוואוסט וואס צו טון, זיי זענען ארום געלאפן צו אלע רבנים, אבער קיינער האט נישט געקענט ארויסנעמען דעם איד פון זיין מרה שחורה, ביז זיי זענען אנגעקומען צום רבי'ן און דער רבי האט זיי געהאלפן, דער רבי האט געזאגט: "א קונץ אראפ צו ווארפן א איד? א קונץ איז אויפצוהייבן א איד", און דער רבי האט גערעדט מיט אים ביז ער איז ארויס פון זיין מרה שחורה און ער האט צוריק באקומען אלע זיינע מדריגות.

זעט מען אז דער רבי האט געוואלט מען זאל זיך אויפהייבן, נישט זיין צעבראכן און צעקלאפט, דאס קען מען נאר זוכה זיין ווען מען לעבט מיט אמונה, מען ווייסט אז אלעס איז פונעם אייבערשטן און אז מיט תפילה קען מען אלעס באקומען.

שטארק דיר ברידער, דער אייבערשטער וועט דיר נישט פארלאזן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## זוכה געווען צו ענדיגן צום ערשטן מאל חמשה חומשי תורה.

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך מוז זיך באדאנקען פאר אייך, אז אין אייער זכות האב איך זוכה געווען, יעצט ביי די 58 יאר, צו ענדיגן די ערשטע מאל חמשה חומשי תורה שנים מקרא ואחד תרגום. מיט א יאר צוריק פרשת שמיני האב איך געהערט פון אייך א שיעור אז מ'קען אנהויבן מעביר סדרה זיין פון זונטאג, מ'קען איינטיילן די פרשה אויף די טעג פון די וואך, און דאן האב איך אנגעהויבן מעביר סדרה זיין יעדן טאג, און יעצט בין איך זייער פרייליך אז כ'האב זוכה געווען צו ענדיגן א גאנצע יאר. הלוואי זאל מען דאס אויסלערנען אין אלע ישיבות.

יישר כח

### תשובה:

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פ' שמיני-ב, כ"ו ניסן, י"א לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו לערנסט יעדן טאג די הייליגע תורה; א מענטש וואס לערנט תורה - דער לעבט א לעבן, אזוי ווי עס שטייט (משלי ח, לה): "כִּי מֹצְאִי מָצָא חַיִּים", ווער עס לערנט דער לעבט א לעבן; נאר דאס בלייבט פונעם מענטש.

ווען מענטשן וואלטן געוואוסט פון רבינ'ס סדר דרך הלימוד וואלטן אלע געלערנט, יעדער איד וואלט גענומען א משניות און געזאגט א פרק נאך א פרק און יעדער איד וואלט אנגעהויבן ש"ס כסדרן אפילו אן פארשטיין. דער סיבה פארוואס זייער אסאך בחורים און אברכים לערנען נישט, איז ווייל זיי האבן נישט קיין מח צו לערנען, זיי זענען נעבעך אראפ געפאלן אין עבירות און זייער מח איז זיי שוין אויסגעברענט; ווען זיי וואלטן ווען געוואוסט פונעם סדר דרך הלימוד, אז אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט איז דאס זייער חשוב ביים אייבערשטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה יט.): "לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ, וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁתַּכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר", א מענטש זאל לערנען אפילו ער פארגעסט וואס ער לערנט און אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט; ווען מענטשן וואלטן געוואוסט פון דעם וואלט יעדער איינער געלערנט תורה.

אפילו א מענטש זאל האבן אלע געלט און אלע תענוגים פון די גאנצע וועלט, וועט ער נישט זיין פרייליך און זאט אזוי ווי דער וואס לערנט תורה, אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי ג, טו): ״יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים, וְכָל חֲפָצֶיךָ לֹא יִשְׁווּ בָהּ״, די תורה איז טייערער פון אלע טייערע דיימאנטן, און אלע תענוגים וואס איז דא אויף דער וועלט קען מען נישט צוגלייכן צו די תורה; עס איז נישט דא קיין בעסערע זאך ווי לערנען תורה. תורה מאכט זאט דעם מענטש; מען ווערט פרייליך און מען הייבט אן לעבן א גוט לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי פירט מען זיך אין די ספירה טעג?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

כ'האב אמאל געהערט א שיעור פון א רב איבער הלכות בין המצרים, און ער האט געזאגט אז דער איסור פון הערן ניגונים אין בין המצרים איז נאר פרייליכע ניגונים, וואס דאס ווערט אנגערופן מחולות, אבער ווארימע ניגונים מעג מען יא. ערגעץ האב איך אבער געליינט אז מען טאר נישט, וויל איך וויסן וואס די הלכה איז ביי דעם.

יישר כח.

אהרן

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פ׳ שמיני-ב, כ״ז ניסן, י״ב לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אהרן נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אין די ספירה טעג זענען מיר מתאבל אויף די פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים פון דעם הייליגן תנא רבי עקיבא וואס זיי זענען אויסגעשטארבן אין די טעג פון ספירה, אזוי ווי חכמינו זכרונם דערציילן (יבמות סב:): ״שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף זוּגִים תַּלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבִּי עֲקִיבָא״, פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים האט ר׳ עקיבא געהאט, ״וְכֻלָּן מֵתוּ בְּפֶרֶק אֶחָד מִפְּנֵי שֶׁלֹּא נָהֲגוּ כָּבוֹד זֶה לָזֶה, וְהָיָה הָעוֹלָם שָׁמֵם״, און אלע פון זיי זענען געשטארבן אין איין צייט ווייל זיי האבן זיך נישט מכבד געווען איינער דעם צווייטן, און די וועלט איז געווען דעמאלט וויסט פון תורה; דאס איז געווען אין די טעג פון
~~~~~~~~~~~

ספירה. דעריבער האלטן מען אין די טעג אבילות, מען הערט נישט קיין מוזיק, מען מאכט נישט קיין חתונות און מען באנייט נישט קיין נייע קליידער וכו׳.

אין די טעג דארפן מיר זיך שטארקן און אריינטראכטן ווי אזוי מיר פירן זיך אויף בין אדם לחבירו; מען זאל זען מער אכטונג געבן אויף א צווייטן און נישט טשעפען א צווייטן, אזוי וועלן מיר פארעכטן וואס זיי האבן פוגם געווען. ווייל די תלמידים פון ר׳ עקיבא האבן זיך נישט געקענט סובל זיין איינער דעם צווייטן, זיי האבן געקוקט מיט א שלעכט אויג איינער אויפן צווייטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה סא, ג): "שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף תַּלְמִידִים הָיוּ לְרַבִּי עֲקִיבָא מֵעַכּוֹ וְעַד אַנְטִיפְרָס, וְכֻלָּם בְּפֶרֶק אֶחָד מֵתוּ, לָמָּה? שֶׁהָיְתָה עֵינֵיהֶם צָרָה אֵלּוּ בְּאֵלּוּ"; דאס דארפן מיר פארעכטן אין די איצטיגע טעג.

דער הייליגער אריז"ל זאגט (לקוטי תורה, בלק): די פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים פון רבי עקיבא וואס זענען געשטארבן אין די טעג פון ספירה, דאס זענען גלגולים פון די פיר און צוואנציג טויזענט מענטשן וואס זענען געשטארבן ביי די מגיפה פון די עבירה פון זמרי בן סלוא; ווייל ווען א מענטש זינדיגט אין ניאוף ווערט אים דער מח פארדרייט, ער הייבט זיך אן קריגן מיט א צווייטן, ער הייבט אן קוקן שלעכט אויף א צווייטן און ער איז מקנא א צווייטן. נאכדעם הייבט ער אים אן פיינט צו האבן ביז מען קומט צו רציחה ממש רחמנא לצלן; מען זעט אז די ראשי תיבות פון ש׳נאה, ק׳נאה און ר׳ציחה איז ש׳ק׳ר׳, דאס איז די סיבה פארוואס א מענטש קריגט זיך מיט א צווייטן, אלעס ווייל ער ליגט אין ניאוף.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא ט.): דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געווארן ווייל זיי האבן עובר געווען אויף די דריי הארבע עבירות, דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געווארן נאר וועגן שנאת חנם, פירט די גמרא אויס: "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן".

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין ליב צו האבן איינער דעם צווייטן און אנטלויפן פון מחלוקת, אזוי וועלן מיר קענען ברענגען משיח צדקינו.

...

~~~~~~~~~~~

### איך בין נישט קיין ׳שוואכער׳, פארוואס זאל איך ׳זאגן׳ תורה?

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~~

יישר כח אויף אייער תשובה אויף דעם וואס איך האב אנגעפרעגט אז איך האב נישט קיין געדולד צו לערנען, ס'ציעט מיר מער צו ליינען ביכער און צייטונגען. איך מיין אז איר האט מיר אבער נישט גוט פארשטאנען.

איך בין נישט א שוואכער אינגערמאן וואס ווייסט נישט ווי אזוי מ'לערנט א בלאט גמרא, איך האב געלערנט זיבן יאר אין כולל, און איך האב אפילו מסיים געווען ש"ס, און איך האב פארשטאנען וואס איך לערן. היינט לערן איך אויך גמרא רש"י תוספות, מיין פראבלעם איז נאר אז איך פארליר שנעל די חשק צו די גמרא, און נאכ'ן לערנען אביסל ציעט מיר ענדערש צו גיין ליינען נארישקייטן.

איך שפיר אז דער סדר דרך הלימוד פון זאגן תורה איז נישט פאר מיין דרגא, דאס איז געמאכט פאר שוואכערע בחורים און אינגעלייט. איך בין נישט מזלזל אין דעם חלילה, אבער איך פיל אז אויב וועל איך לערנען אויף דעם אופן, וועט דאס מיר אינגאנצן אראפקלאפן.

איך וועל ענדיגן מיט וואס די גמרא זאגט (שבת ל"א.) 'שאלות הרבה יש לי לשאול ומתיירא אני שמא תכעוס'...

יישר כח.

מנחם

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ לסדר טהרה, ב׳ דר״ח אייר, ט״ז לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד מנחם נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאס וואס דו שרייבסט אז דער ״סדר דרך הלימוד״ איז נאר פאר שוואכערע וכו׳, דאס איז א טעות פון דיין זייט.

עס איז כדאי דו זאלסט אריין קוקן אין שיחות הר״ן סימן ע״ו, דארט וועסטו זען וואס דער רבי שרייבט בפירוש: **״שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין״**, מען דארף נישט פארשטיין ווען מען לערנט, מען דארף נאר זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה און צום סוף וועט מען פארשטיין. **״וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין״**, מען זאל נישט ווערן צעבראכן ווען מען זעט אז מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט, וואס דאס אליין - אז מען וויל גלייך פארשטיין - מאכט עס זאל זיין שווער צו פארשטיין דאס לערנען, נאר מען זאל בלויז זאגן די ווערטער כסדרן און מען וועט פון זיך אליינס פארשטיין, **״וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ -**

מַה בְּכָךְ?" און אויב מען פארשטייט נישט דעם ערשטן מאל וועט מען עס פארשטיין ביים צווייטן מאל, און אויב מען וועט נישט פארשטיין דעם צווייטן מאל איז אויך גארנישט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווייל די מעלה פון לערנען אסאך שטייגט אלעס איבער, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה יט.) אז א מענטש זאל קודם אסאך זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט און דערנאך זאל ער לערנען צו פארשטיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וכו'", אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעל קען מען זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך, ווייל אזוי איז מען זוכה איבערצוגיין יעדע זאך זייער אסאך מאל, ביז מען איז זוכה צו פארשטיין וואס מען לערנט.

דער הייליגער ר' נתן זאגט דארט ווייטער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דער רבי האט זייער אסאך גערעדט פונעם דרך הלימוד, אז מען זאל נישט זוכן צו פארשטיין גלייך ווען מען לערנט, נאר מען זאל לערנען אסאך אן פארשטיין, ביז מען וועט זוכה זיין צו פארשטיין.

ווען מען לערנט אויפן סדר דרך הלימוד איז מען זוכה אנצוקומען אסאך מער ווי ווען מען לערנט שטייט און מען קלערט אריין אין יעדעס ווארט, וואס דאס שטערט נאר דאס לערנען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", און זייער אסאך מענטשן האבן אינגאנצן אויפגעהערט צו לערנען צוליב דעם וואס זיי האבן געלערנט און געקוועטשט וכו'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אבער אז א מענטש געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעלערהייט - אזוי ווי אויבן דערמאנט, וועט ער זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך און ער וועט אנקומען צו לערנען די גאנצע תורה - גמרא מיט אלע פוסקים, תנ"ך מיט אלע מדרשים און זוהר הקדוש, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם

**שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה"**, אזוי ווי דער רבי האט געוואלט אז מיר זאלן דורך לערנען כל התורה כולה. עיין שיחות הר"ן (סימן כח) עיי"ש.

וויסן זאלסטו אז די אלע וואס האבן אנגענומען דעם רבינ'ס ווערטער בתמימות ופשיטות און האבן אנגעפאנגען צו לערנען אויפן סדר דרך הלימוד, האבן זייער שיין מצליח געווען.

איך פארשטיי נישט וואס דו זאגסט אז דו האסט א גוטע קאפ און דער 'דרך הלימוד' איז נאר פאר שוואכע קעפ; דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט געהאט זייער א גוטע קאפ, ער האט געקענט אויסענווייניג גאנץ ש"ס מיט אלע תוספות, דאך האט אים דער רבי געהייסן "זאגן" יעדן טאג ח"י פרקים משניות (עיין שיחות הר"ן, סימן קפה). ווען ר' נתן איז אהיים געקומען און זיין טאטע רבי נפתלי הירץ זכרונו לברכה האט אים געזען "זאגן" משניות האט ער זיך זייער אויפגערעגט אויף אים, ער האט געשריגן: "מיין נתנ'לע הייסט ער "זאגן" ח"י פרקים משניות?!" און ער האט אנגעהויבן א מחלוקת.

למעשה זעט מען אז דער רבי האט נישט געמאכט קיין חילוק צווישן א גוטע קאפ און א שוואכע קאפ - אזוי ווי דו ווילסט מחלק זיין; דער רבי האט געוואלט אז מיר אלע זאלן לערנען אויפן "סדר דרך הלימוד".

אמאל איז געווען א תירוץ נישט צו לערנען ווייל מען פארשטייט נישט קיין לערנען, אמאל האט מען געקענט הערן אינגעלייט קרעכצן אז זיי קענען נישט לערנען ווייל מען האט זיי נישט אנגעקוקט אין חדר און אין ישיבה, אבער היינט ווען מיר האבן דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן איז שוין נישט דא דער תירוץ, נאר יעדער איינער קען זוכה זיין צו לערנען.

וואס טוט דער יצר הרע? ער איז דא מיט א נייע מניעה צו לערנען; ער האט א נייע תירוץ פאר די פוילע מענטשן וואס זוכן תירוצים, ער מאכט דעם מענטש טראכטן: 'איך פארשטיי לערנען'; 'איך האב א גוטע קאפ'; 'איך בין א געזונטער למדן'; אמאל האט מען געזאגט: "איך קען נישט לערנען ווייל איך פארשטיי נישט קיין לערנען", אבער היינט שרייבסטו מיר: "איך לערן נישט, איךליין צייטונגען, איך גיי ליידיג ווייל 'איך "קען" לערנען'".

פארוואס טראכסטו אז דער "סדר דרך הלימוד" וועט דיר אראפ קלאפן וכו'? פרוביר דאס אויס, וועסטו זען אז דאס וועט דיר נאר אויפהייבן.

ווען ר׳ נתן איז צוריק געקומען פון לעמבערג האט ער געזאגט: ״זיי זענען למדנים אבער מיר לערנען״... ער האט דארט געזען גרויסע לומדים, אבער אז מען לערנט נישט אויפן ״סדר דרך הלימוד״ לערנט מען נישט, יעדן טאג האט מען אן אנדערע תירוץ וכו׳, האט ער געזאגט: ״זיי זענען טאקע לומדים, אבער מיר לערנען די הייליגע תורה״.

דו שרייבסט (שבת לא.): ״שְׁאֵלוֹת הַרְבֵּה יֵשׁ לִי לִשְׁאוֹל, וּמִתְיָרֵא אֲנִי שֶׁמָּא תִּכְעוֹס״; אדרבה, איך בין גרייט צו הערן דיינע שאלות, און געדענק וואס הלל הזקן האט אים געענטפערט: ״הֱוֵי זָהִיר בְּרוּחֲךָ״...

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

עס קומט די זומער טעג, און איך הויב שוין אן שפירן ווי איך ווער משוגע, די ווינטער האט זיך ברוך ה' פארצויגן און ס'איז געווען אביסל גרינגער מיט שמירת עינים, ווען עס קומט אבער יעצט די הייסע זומער טעג הויבט זיך אן מיינע פראבלעמען. איך האב ב"ה א װאױלע פיינע ווייב, עס העלפט מיר אבער נישט צופיל. ווי אזוי קען איך זיך אן עצה געבן? ווי אזוי קען איך זוכה זיין צו האבן הייליגע ערליכע אויגן? אלע עצות פונעם ראש ישיבה שליט"א העלפן מיר, אבער נישט עכט ווען עס קומט די זומער טעג.

יישר כח פאר אלעס.

חיים

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ לסדר טהרה, ב׳ דר״ח אייר, ט״ז לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד חיים נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואס זאל איך דיר זאגן, מיר זענען אלע אינעם זעלבן צרה; עס קומט זוממער און די גאסן ווערן שרעקליך. מען קען ממש נישט גיין אין גאס, די גוים גייען אנגעטון ווי די חיות, בעסער געזאגט אויסגעטון ווי די חיות און עס איז זייער שווער צו היטן די אויגן. דער יצר הרע מאכט משוגע דעם מענטש מען זאל קוקן וואו עס גליסט זיך, ביז ער קילט נאכדעם אפ דעם מענטש פון זיין אידישקייט.
~~~~~~~~~~

אבער וויסן זאלסטו, ווי גרויס און שווער דער יצר הרע איז, אלץ גרעסער זענען די הייליגע צדיקים וואס געבן אונז עצות לוחם צו זיין מיטן יצר הרע. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א׳, סימן לו): ווען עס ברענט אינעם מענטש תאות ניאוף רחמנא לצלן, זאל מען זאגן דעם פסוק: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד", און: "**בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד**"; ווייל מען קען נישט ניצול ווערן פון די תאוה נאר דורך אמונה, אז מען נעמט אריין אין זיך אז דער אייבערשטער איז דא, ער איז מיט מיר, ביי מיר און נעבן מיר, נאר אזוי קען מען זיך ראטעווען פון די שרעקליכע תאוה. דער רבי זאגט (שם): אויב מען איז זייער פארזינקען אין די תאוה זאל מען וויינען בשעת מען זאגט די צוויי פסוקים און דאס וועט ראטעווען דעם מענטש פון זיין בלאטע; ווייל ווי נאר מען נעמט אריין אין זיך אז דער אייבערשטער איז דא, דאס ראטעוועט דעם מענטש פון עבירות.

נאך אן עצה געבט אונז דער הייליגער רבי, דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ראיה, חלק ב׳, סימן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה" וְכוּ׳, וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אויב מען האט מורא אז מען וועט נכשל ווערן ווען מען גייט אין גאס מיט ראיות אסורות זאל מען זאגן פאר מען גייט ארויס פון שטוב דעם פסוק (ישעיהו לג, ז): "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", דורך דעם וועט ער געראטעוועט ווערן; אזוי פירן זיך ברסלב׳ער חסידים, ווען זיי גייען ארויס פון שטוב, בשעת מען קישט די מזוזה און מען האלט די האנט אויפן מזוזה זאגט מען דעם פסוק: "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", און מען בעט דעם אייבערשטן מען זאל צוריק קומען געזונטערהייט.

פאר דו גייסט ארויס פון שטוב זאלסטו אזוי טון, לייג ארויף דיין האנט אויפן מזוזה און זאג דעם פסוק: "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", און בעט דעם אייבערשטן: "**רבונו של עולם! העלף מיר איך זאל זיך היטן מיינע אויגן, העלף מיר איך זאל נישט ווערן פארברענט פונעם יצר הרע וואס וויל מיר אויסרייסן פון דער וועלט און פון יענער וועלט, ברענג מיר צוריק אהיים בשלום**"; אזוי זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן. און לייג צו דיינע אייגענע תפילות, דאס וועט דיר ראטעווען פון שלעכטס.

מען האט אמאל געהערט ווי א ברסלב׳ער איד גייט אין גאס זוממער און מורמעלט זיך אונטער: "איך וויל קינדער וואס וועלן ארויס געבן ספרים", "איך וויל קינדער וואס וועלן זיין ערליכע אידן", האט מען אים געפרעגט: "מַה מָּקוֹם לִתְפִלָּה זוֹ?" וואס איז פשט פון בעטן דא אויפן גאס פאר קינדער וואס וועלן מחדש זיין חידושי תורה, האט ער געענטפערט: "איך רעד צו מיר אליין; איך האב יעדע סעקונדע א גרויסע תאוה אויפצוהייבן מיינע אויגן און קוקן אויפן גאס וכו׳, עס איז מיר זייער שווער צו היטן

מיינע אויגן, אבער איך דערמאן זיך וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, חלק ב׳, סימן יט): ״מִי שֶׁאֵין מִסְתַּכֵּל עַל נָשִׁים, זוֹכֶה שֶׁזַּרְעוֹ יְחַבְּרוּ פֵּרוּשִׁים עַל הַתּוֹרָה״, ווער עס קוקט נישט אויף פרעמדע פרויען וועט זוכה זיין אז זיינע קינדער וועלן ארויס געבן ספרים פון חידושי תורה; דערפאר רעד איך צו מיר אליינס, איך חזר צו מיר אז עס לוינט זיך ענדערש אראפ צו קוקן, ווייל אזוי וועל איך האבן קינדער וואס וועלן זיין ערליכע אידן תלמידי חכמים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~